# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.....................**4:17**
מוצאי שב"ק......................**5:49**

**שיעורים כסדרן**
נ"ך...............דברי הימים ב ה'-ו'
בבלי......................סנהדרין י"א
ירושלמי..................שקלים י"ג
תוספתא..................תרומות ב'
רמב"ם..............פרה אדומה י"א

פרשת מקץ, שבת חנוכה, מברכים חודש טבת, כ"ז כסליו, שנת תשפ"ה לפ"ק
שנה 14, גליון 13 (681)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וְכָל הָאָרֶץ בָּאוּ מִצְרַיְמָה לִשְׁבֹּר אֶל יוֹסֵף כִּי חָזַק הָרָעָב בְּכָל הָאָרֶץ, דִי גַאנְצֶע לַאנְד אִיז גֶעקוּמֶען צוּ יוֹסֵף קוֹיפְן עֶסְן, וַוייל דִי הוּנְגֶער הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט. מֶען זֶעט אִין דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה אַז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה רוּפְט אָן דָאס קוֹיפְן עֶסְן מִיטְ'ן נָאמֶען "שֶׁבֶר", אוּן יוֹסֵף הַצַּדִיק וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "הוּא 'הַמַּשְׁבִּיר' לְכָל עַם הָאָרֶץ", פַארְוָואס רוּפְט עֶס דִי תּוֹרָה מִיט דֶעם לָשׁוֹן?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ע"ו) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט אוֹיף אַ זַאךְ, גֵייט דַאן אַרוֹיס פוּן זַיינֶע אוֹיגְן אַן "אוֹר יָשָׁר", אַ שְׁטְרַאל פוּן זַיין אוֹיג צוּ דִי זַאךְ, אוּן דַאן קוּמְט צוּרִיק אַן "אוֹר חוֹזֵר", דִי בִּילְד פוּן דִי זַאךְ קוּמְט צוּרִיק צוּ זַיין אוֹיג, אוּן דוּרְךְ דֶעם זֶעט עֶר עֶס. אֵיידֶער דִי זַאךְ וֶוערְט גֶעזֶען, הָאט עֶס נִישְׁט קַיין גְבוּל אוּן זְמַן, אוּן וֶוען דֶער אוֹיג זֶעט עֶס, בַּאקוּמְט עֶס אַ גְבוּל אוּן זְמַן; וָואס דִי זַאךְ אִיז, וִוי גְרוֹיס דָאס אִיז, וֶוען דָאס אִיז, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט וַוייטֶער אַז דָאס אִיז דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן בִּטָחוֹן, וַוייל דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער שִׁיקְט אַלֶעמָאל אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, עֶס הָאט אָבֶער נִישְׁט קַיין גְבוּל אוּן זְמַן, עֶס קֶען זַיין צוּמָאל אַז אַ זַאךְ וָואס עֶר דַארְף שׁוֹין יֶעצְט הָאבְּן, וֶועט אָנְקוּמֶען צוּ אִים עֶרְשְׁט אִין צְוֵויי דְרֵיי יָאר אַרוּם; וֶוען אַ אִיד הָאט אָבֶער בִּטָחוֹן, עֶר קוּקְט נָאר צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן, מִיט דֶעם מַאכְט עֶר אַ גְבוּל אוּן אַ זְמַן פַאר דִי הַשְׁפָּעָה, אַז סְ'זָאל אָנְקוּמֶען צוּ אִים אִין דִי רִיכְטִיגֶע צַייט וֶוען עֶר דַארְף עֶס.

מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים קמ"ה, ט"ו) "עֵינֵי כֹל אֵלֶיךָ יְשַׂבֵּרוּ", דוּרְךְ דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן מִיט בִּטָחוֹן אַז עֶר וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן, מִיט דֶעם מַאכְט עֶר, "וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם בְּעִתּוֹ", אַז דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל אִים גֶעבְּן זַיין עֶסְן "בְּעִתּוֹ", אִין דִי צַייט וֶוען עֶר דַארְף עֶס.

חֲזַ"ל זָאגְן (דְבָרִים רַבָּה ב', י"ז) אַז סְ'זֶענֶען דָא תְּפִלּוֹת וָואס וֶוערְן גֶעעֶנְטְפֶערְט נָאךְ פֶערְצִיג טֶעג, סְ'אִיז דָא תְּפִלּוֹת וָואס וֶוערְן גֶעעֶנְטְפֶערְט נָאךְ צְוָואנְצִיג טֶעג, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. דָאס הֵייסְט אַז קַיין אֵיין תְּפִלָּה אִיז זִיכֶער נִישְׁט אוּמְזִיסְט, יֶעדֶע תְּפִלָּה גֵייט אַרוֹיף צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן, עֶס וֶוערְט אוֹיסְגֶעהֶערְט אוּן עֶס וֶוערְט גֶעעֶנְטְפֶערְט, אָבֶער צוּמָאל קֶען נֶעמֶען אַ לֶענְגֶערֶע צַייט בִּיז דִי יְשׁוּעָה קוּמְט אָן צוּם מֶענְטְשׁ, אָבֶער אַז מְ'אִיז זוֹכֶה צוּ קוּקְן צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן מִיט דִי 'גַאנְצֶע' אוֹיגְן, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט "עֵינֵי 'כֹל' אֵלֶיךָ יְשַׂבֵּרוּ", עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קַיין אַנְדֶערֶע הִילְף מִיט אַ זַייטִיגֶע אוֹיג, נָאר זַיינֶע גַאנְצֶע אוֹיגְן זֶענֶען גֶעוָואנְדְן נָאר צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע בִּטָחוֹן, דַאן בַּאקוּמְט עֶר זַיין פַּרְנָסָה אִין דִי רִיכְטִיגֶע צַייט, שְׁנֶעל אוּן גְרִינְג.

נָאךְ אַ סְגוּלָּה זֶעט מֶען אִין דֶעם פָּסוּק, וַוייל דָאס וָוארְט "יְשַׂבֵּרוּ" קֶען מֶען אוֹיךְ לֵיינֶען מִיט אַ "שׂ", מִיט דִי פִּינְטְל אוֹיף דִי רֶעכְטֶע זַייט, "יְשַׁבֵּרוּ", וָואס מֵיינְט "צֶעבְּרֶעכְן", וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ צֶעבְּרֶעכְן זַיין יֵצֶר הָרָע וָואס רֶעדְט אִים צוּ קוּקְן אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, וָואס דָארְט הוֹיבְּט זִיךְ אָן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין מ"ה.) "אֵין יֵצֶר הָרָע שׁוֹלֵט אֶלָּא בַּמֶּה שֶׁעֵינָיו רוֹאוֹת", דֶער יֵצֶר הָרַע קֶען אַרְבֶּעטְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, נָאר נָאכְדֶעם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעקוּקְט אוֹיף זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, דֶער עִיקָר כֹּחַ וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט אִיבֶּער אַ מֶענְטְשׁ, אִיז נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר אִיז אִים מַכְשִׁיל צוּ קוּקְן אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן. וֶוען אַ אִיד אִיז אָבֶער מַצְלִיחַ צוּ צֶעבְּרֶעכְן זַיינֶע אוֹיגְן, "עֵינֵי כֹל אֵלֶיךָ 'יְשַׁבֵּרוּ'", עֶר צֶעבְּרֶעכְט דִי תַּאֲוָה פוּן זַיינֶע אוֹיגְן, דַאן "וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם בְּעִתּוֹ", וֶועט עֶר הָאבְּן פַּרְנָסָה אִין דִי רִיכְטִיגֶע צַייט.

מִיט דֶעם קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה רוּפְט אָן דָאס קוֹיפְן עֶסְן מִיטְ'ן נָאמֶען "שֶׁבֶר", וָואס אִיז מְרַמֵז אוֹיף בֵּיידֶע פְּשָׁטִים, סַיי אוֹיף הָאבְּן אוּן קוּקְן צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן אוּן סַיי אוֹיף צֶעבְּרֶעכְן, וַוייל דָאס אִיז דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי מְ'בַּאקוּמְט פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח.

לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיפְ'ן יֵצֶר הָרָע, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף וָואס דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט קוּקְן, אוּן גְלַייכְצֵייטִיג זָאלְן מִיר קוּקְן נָאר צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן אוּן הָאפְן צוּ אִים אַז עֶר וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן, דַאן וֶועלְן מִיר בַּאקוּמֶען אַלֶע אוּנְזֶערֶע גֶעבְרוֹיכְן אוֹיף רִיכְטִיגְן וֶועג וִוי אַזוֹי מִיר דַארְפְן עֶסְן, אוּן אִין דִי רִיכְטִיגֶע צַייט וֶוען מִיר דַארְפְן עֶס. (תּוֹךְ הַנַּחַל מִקֵּץ תשס"ה)

## מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### דִי חֲנוּכָּה לִיכְטֶעלֶעךְ

וֶוען עֶס וֶוערְט טוּנְקֶל אִין אַ צִימֶער וואוּ מֶענְטְשְׁן דְרֵייעֶן זִיךְ, וֶוערְט דָארְט אַ גְרוֹיסֶע בֶּהָלָה. אֵיינֶער זֶעט נִישְׁט דֶעם צְוֵוייטְן, מֶען הַאקְט אַרַיין אֵיינֶער אִינֶעם צְוֵוייטְן אוּן עֶס טוֹיג נִישְׁט דֶער מַצָּב. אֵיינְמָאל עֶס וֶוערְט לִיכְטִיג אִיז מַמָּשׁ אַ מְחַיֶּ', מֶען זֶעט וואוּ יֶעדֶער שְׁטֵייט, אוּן דַאן קֶען יֶעדֶער גֵיין זַיין וֶועג אָן דַארְפְן שְׁטֶערְן אַ צְוֵוייטְן.

אִין דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה טֶעג, וֶוען מֶען צִינְדְט אָן דִי לִיכְטֶעלֶעךְ פוּן דִי מְנוֹרָה, אוּן מִיר זֶענֶען נָאךְ פוּן דִי מְהַדְרִין מִן הַמְהַדְרִין אַז יֶעדֶער פוּן דִי מִשְׁפָּחָה צִינְדְט אָן דִי מְנוֹרָה, אוּן יֶעדֶע נַאכְט לֵייגְט מֶען צוּ נָאךְ אַ לִיכְטְל, דַארְף דָאס אוֹיפְשַׁיינֶען אוּן אוֹיפְלַייכְטְן אוּנְזֶער לֶעבְּן, אַז מִיר זָאלְן אָנְהוֹיבְּן זֶען אַז עֶס אִיז דָא נָאךְ מֶענְטְשְׁן אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶס אִיז דָא אַלֶע סָארְט פַארְשִׁידֶענֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זַיינֶע גֶעפִילְן, אוּן מֶען דַארְף אָנְהוֹיבְּן זִיךְ צוּ רֶעכֶענֶען מִיט יֶענֶעמְ'ס גֶעפִילְן, נִישְׁט

<<<<<<

## א גוט ווארט

גֵיי אַרוֹיס פוּן דַיין קַטְנוּת הַדַעַת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, עֶר וֶועט דִיר הֶעלְפְן, עֶס וֶועט דִיר בֶּעסֶער וֶוערְן; דוּ דַארְפְסְט נָאר גֵיין צוּ אִים אוּן זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף אִים.

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט אֵיינֶעם: "הָאסְט שׁוֹין הַיינְט גֶעקוּקְט אוֹיפְן הִימְל?" דֶער רֶבִּי הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז יֶענֶער אִיז אַזוֹי אַרַיינְגֶעטוּן אִין גֶעלְט אַז עֶס וֶוערְט אִים שְׁלֶעכְט פוּן טְרַאכְטְן אַזוֹי סַאךְ פוּן גֶעלְט; הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה, גֶעבּ אַ קוּק צוּם הִימְל - וֶועסְטוּ קוּמֶען צוּ גַדְלוּת הַמּוֹחִין.

הַיינְט נַאכְט צִינְדְן מִיר דִי לֶעצְטֶע לִיכְטְל, הַיינְט נַאכְט זֹאת חֲנוּכָּה אִיז דִי גְמַר פוּן אַלֶע תִּיקוּנִים פוּן גַאנְץ חוֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי. עֶס שְׁטֵייט פוּן צַדִיקִים אַז גַאנְץ תִּשְׁרֵי זֶענֶען מִיר פַארְנוּמֶען מִיט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען פַאסְט, מֶען זָאגְט סְלִיחוֹת, מֶען וֵויינְט, מֶען שְׁרֵייט, דַארְף מֶען וַוארְטְן בִּיז חֲנוּכָּה גֵייט אַרִיבֶּער, חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט פוּן דַאנְקֶען, אוּן דַיְקָא דוּרְךְ הַלֵל וְהוֹדָאָה קוּמְט מֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע תִּיקוּן. (עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מִקֵּץ תשפ"ד)



דער מולד וועט זיין: מאנטאג נאכמיטאג 33 מינוט און 16 חלקים נאך 5 | ראש חודש כסליו יהיה ביום השלישי ולמחרתו ביום הרביעי

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# אַ בַּאקְס גֶעלְט

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ה כִּסְלֵיו, א' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ה לפ"ק

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

חֲנוּכָּה בֵּיי הַלֵּל זָאלְסְטוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּם צַדִּיק. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אַהֲבָה, סִימָן ח): "עַל יְדֵי אֲמִירַת הַלֵּל", דוּרְךְ זִינְגֶען הַלֵּל, "בְּקוֹל גָּדוֹל", מִיט אַ הוֹיכֶע קוֹל - "זוֹכִים לְאַהֲבַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", אִיז מֶען זוֹכֶה, מֶען הוֹיבְּט אָן לִיבּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם אוֹת מְרִיבָה, סִימָן ג): "עַל יְדֵי קְרִיאַת הַלֵּל", דוּרְךְ זִינְגֶען הַלֵּל, "יוֹשִׁיעַ לְךָ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר הֶעלְפְן - "מֵאוֹיְבֶיךָ", פוּן דַיינֶע פַיינְט; זִינְג: "מְקִימִי מֵעָפָר דָל", הָאסְט מִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן פוּן מַיין בְּלָאטֶע, "מֵאַשְׁפֹּת יָרִים אֶבְיוֹן", פוּן דִי מִיסְט הָאסְטוּ מִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן; אִיךְ וֵוייס דָאךְ יָא וֶוער אִיךְ בִּין גֶעוֶוען, וואוּ בִּין אִיךְ גֶעלֶעגְן; פוּן דִי מִיסְט, פוּן דִי טוּמְאָה - הָאט מִיךְ דֶער צַדִּיק מְקַרֵב גֶעוֶוען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

חֲנוּכָּה וֶוערְט אַנְטְפְּלֶעקְט דִי אוֹר הַגָּנוּז, דִי אֱמוּנָה, דִי הֵיילִיגֶע חַשְׁמוֹנָאִים הָאבְּן מְנַצֵחַ גֶעוֶוען, מֶען הָאט גֶעזֶען אַז עֶס נִישְׁטָא קֵיין טֶבַע, נִישְׁט קֵיין מִקְרֶה, קֵיין מַזָל, עֶס אִיז נָאר דָא אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

אַנְשְׁטָאט טְרַאכְטְן פוּן גֶעלְט - טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וָואס וֶועסְטוּ הָאבְּן אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ בַּאקְס מִיט גֶעלְט? אַ שְׁטוּבּ מִיט גֶעלְט? וֶועסְט נָאכְאַלְץ דַארְפְן צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אָטֶעמֶען קֶענְסְטוּ נִישְׁט אַלֵיין, מֶען קֶען נִישְׁט אַוֶועק לֵייגְן אַ בַּאקְס מִיט לוּפְט, אוּן גֶעזוּנְט קֶענְסְטוּ אוֹיךְ נִישְׁט אַלֵיין, מֶען קֶען נִישְׁט אַוֶועק לֵייגְן אַ בַּאקְס מִיט גֶעזוּנְט, מֶען דַארְף אָנְקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִיז וָואס עֶפֶּעס בֵּיי גֶעלְט פִּיבֶּערְט דַיין מֹחַ וִוי מֶען קֶען אַוֶועק לֵייגְן גֶעלְט? אַנְשְׁטָאט אַוֶועקְגֶעבְּן דִי לֶעבְּן צוּ טְרַאכְטְן פוּן גֶעלְט - זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן נָאךְ אֵיין מִינוּט 'עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס אִיז מְחַיֶה דִי וֶועלְט, מְהַוֶה דִי וֶועלְט, עֶר טוּט אַלֶעס, עֶר מַאכְט אַלֶעס אוּן נָאר צוּ אִים דַארְף מֶען זִיךְ וֶוענְדְן וֶוען מֶען אִיז גֶעדְרוּקְט'.

לִכְבוֹד חֲנוּכָּה זָאלְסְטוּ גֶעבְּן פַאר דַיינֶע קִינְדֶערְ'ס מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס אַ טִיפּ (גֶעלְט-מַתָּנָה), חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט פוּן חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת, מֶען דַארְף אַלֶעס טוּן פַאר דִי חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים. אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מִקֵּץ תשפ"ה)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּפִלָּה

**לג. קוֹדֶם הַתְּפִלָּה תִּתֵּן צְדָקָה, וְתִקַּשֵׁר אֶת עַצְמְךָ לְצַדִּיקֵי הַדּוֹר.** פַארְ'ן דַאוֶוענֶען זָאלְסְטוּ גֶעבְּן צְדָקָה אוּן זִיךְ מְקַשֵׁר זַיין צוּ דִי צַדִּיקִים פוּנֶעם דוֹר.

**לד. אָדָם מְקַבֵּל שֶׁפַע וְכֹחַ אֱלוֹקִי כְּפִי אוֹתוֹ הַמָּקוֹם שֶׁמִּתְפַּלֵּל בּוֹ.** דֶער מֶענְטְשׁ בַּאקוּמְט אַ שֶׁפַע אוּן כֹּחַ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לוֹיט דֶעם פְּלַאץ וואוּ עֶר דַאוֶוענְט.

**לה. כְּשֶׁהַצִּבּוּר מִתְפַּלְּלִים, הוּא עֵת רָצוֹן.** וֶוען דֶער צִיבּוּר דַאוֶוענְט, אִיז אַן עֵת רָצוֹן.



אַרַיינְצוּהַאקְן אִין אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, נָאר יֶעדֶער זָאל זִיךְ גֵיין זַיין אֵייגֶענֶע וֶועג.

דִי חֲנוּכָּה לִיכְט צִינְדְט מֶען אָן "עַד שֶׁתִּכְלֶה רֶגֶל מִן הַשּׁוּק" בִּיז עֶס וֶועט זִיךְ אוֹיפְהֶערְן דִי לָשׁוֹן הָרַע אוּן רְכִילוּת, דָאס אַרוּם טְרָאגְן פוּן אֵיינֶעם צוּם צְוֵוייטְן אוּן אָנְזֵייעֶן מַחְלוֹקֶת. חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט וָואס דַארְף אַרַיינְבְּרֶענְגֶען שָׁלוֹם וְשַׁלְוָה, אַלֶע אִידְן זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם, נָאר שְׁטַארְקְן אוּן מְחַזֵק זַיין אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, אוּן נִישְׁט מַאכְן ח"ו קֵיין מַחְלוֹקֶת צְוִוישְׁן אִידְן. שָׁלוֹם הוֹיבְּט זִיךְ אָן בֵּיי זִיךְ אַלֵיין. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן מִיט זִיךְ אַלֵיין, עֶר לֶעבְּט נִישְׁט בְּשָׁלוֹם מִיט זִיךְ אַלֵיין. דַאן וֶועט עֶר זִיךְ אוֹיךְ קְרִיגְן מִיט זַיינֶע אַרוּמִיגֶע. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ אָבֶּער פְרֵיילִיךְ, עֶר הַאלְט פוּן זִיךְ אַלֵיין, עֶר לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם מִיט זִיךְ, וֶועט עֶר אוֹיךְ לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן. חֲנוּכָּה אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אִיד, אוּן נִישְׁט זַיין פַארְמִישְׁט אִין קֵיין שׁוּם סָארְט מַחְלוֹקֶת.

### וֶועקְט אַייךְ אוֹיף

וֶוען עֶס וֶוערְט לִיכְטִיג אִין שְׁטוּבּ וֶועקְט מֶען זִיךְ אוֹיף פוּן שְׁלָאף. דָאס אִיז נָאךְ אַ זַאךְ צוּ וָואס חֲנוּכָּה אִיז מְסוּגָל, דִי לִיכְטִיגְקֵייט וָואס דִי חֲנוּכָּה לִיכְט בְּרֶענְגֶען אַרַיין, וֶועקְט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין טִיפְן שְׁלָאף וָואס עֶר שְׁלָאפְט אוֹיף דִי וֶועלְט. מֶענְטְשְׁן דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם פַארְשְׁלָאפְן, וִוי אַ לְבָנָה קְרִיכֶער, אַ מֶענְטְשׁ וָואס שְׁפַּאצִירְט אַרוּם אִינְמִיטְן שְׁלָאף. עֶס זֶעט אוֹיס וִוי דֶער מֶענְטְשׁ קוּמְט אוּן גֵייט, עֶר גֵייט אָן אִין לֶעבְּן, אָבֶּער זַיין מֹחַ שְׁלָאפְט, עֶר טְרַאכְט נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וִוי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ וִויסְן אוֹיבּ עֶר אִיז וַואךְ אָדֶער עֶר שְׁלָאפְט? וֶוען אַ אִיד רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז עֶר אוֹיף, אוּן וֶוען עֶר רֶעדְט נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן שְׁלָאפְט עֶר, זַיין מֹחַ אִיז פַארְשְׁלָאפְן. וֶוען יַעֲקֹב הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט פוּן זַיין שְׁלָאף, זָאגְט דֶער פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כח, טז) "וַיִּיקַץ יַעֲקֹב מִשְּׁנָתוֹ וַיֹּאמֶר אָכֵן יֵשׁ ה' בַּמָּקוֹם הַזֶּה". וִוי אַזוֹי וֵוייסְט מֶען אַז מֶען אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פוּן שְׁלָאף? וֶוען מֶען קֶען זָאגְן מִיט אַ פוּל מוֹיל "אָכֵן יֵשׁ ה' בַּמָּקוֹם הַזֶּה", מֶען וֵוייסְט אוּן מֶען פִילְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג, אוּן מֶען הוֹיבְּט צוּ רֶעדְן צוּ אִים.

בַּיי אַהֲרֹן הַכֹּהֵן זָאגְט רַשִׁ"י "לְהַגִּיד שִׁבְחוֹ שֶׁל אַהֲרֹן שֶׁלֹּא שִׁינָּה", אַלֶע מְפוֹרְשִׁים מוּטְשֶׁען זִיךְ מִיט דֶעם, דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעטוּהן אַנְדֶערְשׁ פוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן? אָבֶּער רַשִׁ"י אִיז דָא מְרַמֵז אַ צְוֵוייטֶע זַאךְ "שֶׁלֹּא שִׁינָה" - אַהֲרֹן הַכֹּהֵן אִיז נִישְׁט גֶעשְׁלָאפְן, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט אַנְדֶערֶע אִידְן שְׁלָאפְן. מִיט דִי הֵיילִיגֶע מְנוֹרָה וָואס עֶר הָאט אָנְגֶעצִינְדְן הָאט עֶר אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אַ לִיכְטִיגְקֵייט אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶס הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט שְׁלָאפְן, עֶס הָאט אוֹיפְגֶעוֶועקְט אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען זָאל עֶפֶענֶען דִי מוֹיל אוּן אָנְהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי מַתָּנָה בַּאקוּמְט מֶען פוּן אַ צַדִּיק, וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ גֵיין צוּ אַ צַדִּיק, וֶוערְט עֶר אוֹיפְגֶעוֶועקְט פוּן זַיין שְׁלָאף אוּן עֶר הוֹיבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דָאס אִיז מְרוּמָז אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי מִשְׁנָה (תְּרוּמוֹת פֶּרֶק א') "סְתָם חֵרֵשׁ אֵינוֹ שׁוֹמֵעַ וְאֵינוֹ מְדַבֵּר", אַז מֶען אִיז אַן "אֵינוֹ שׁוֹמֵעַ" - מֶען הֶערְט נִישְׁט צוּ צוּם קוֹל פוּן צַדִּיק, דַאן אִיז מֶען אַן "אֵינוֹ מְדַבֵּר" - מֶען רֶעדְט נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַ אִיד דַארְף אוֹיפְזוּכְן אוּן טְרֶעפְן אַ צַדִּיק וָואס קֶען אִים אוֹיפְוֶועקְן פוּן שְׁלָאף, וָואס קֶען אִים מְעוֹרֵר זַיין אַז עֶר זָאל נִישְׁט פַארְשְׁלָאפְן זַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן, נָאר עֶר זָאל אָנְהוֹיבְּן צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן פ"ג) אַז מָשִׁיחַ וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אוֹיף דִי לָשׁוֹן פוּן 'מֵשִׂיחַ' אִלְּמִים. מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זָאל עֶפֶענֶען דִי מוֹיל אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (צְפַנְיָה ג, ט) "כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה' לְעָבְדוֹ שְׁכֶם אֶחָד". בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ עֶרֶךְ עִנְיָנֵי חֲנוּכָּה)

## שְׁמוּעֶסְן אוּן גֶעדַאנְקֶען

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶערֶעדְט מִיט רֶבִּי נָתָן אַז עֶר זָאל זֶען צוּ רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג צוּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּנֶעם תַּכְלִית, עֶס בְּלַייבְּט נָאר אִיבֶּער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר כַאפְּט אַרַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט.

הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן, "אִיךְ וֵוייס דָאךְ נִישְׁט וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ", הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט, "וָואס הָאט דָאס מִיט דִיר? דוּ רֶעד".

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט דֶעמָאלְט פַארְשְׁטַאנֶען פוּן רֶבִּי'ן אַז אוֹיבּ מֶען רֶעדְט, פּוֹעֶלְ'ט מֶען. דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זֶען צוּ רֶעדְן מִיט אַן אֱמֶת, אַז דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיין זָאל וֶועלְן מְקַיֵּים זַיין דִי זַאכְן וָואס עֶר רֶעדְט.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן נ"ט וסימן ס') אַז מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ לֶערְנֶען מִיט אַ "תַּלְמִיד שֶׁאֵינוֹ הָגוּן", מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן וֶועמֶען מֶען אִיז מְקָרֵב, אַז דִי שְׁלֶעכְטֶס פוּן דִי מֶענְטְשְׁן זָאלְן זִיךְ נִישְׁט אָנְקְלֶעבְּן אִין אִים.

מוֹהֲרָא"שׁ פְרֶעגְט, "וִוי אַזוֹי קֶען מֶען וִויסְן וֶועמֶען מֶען קֶען מְקָרֵב זַיין, צוּ וֶועמֶען מֶען קֶען רֶעדְן, אוּן מִיט וֶועמֶען נִישְׁט?", נָאר אוֹיבּ יֶענֶער קוּמְט צוּ דִיר אוּן וִויל מְקַבֵּל זַיין פוּן דִיר, אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַ "תַּלְמִיד הָגוּן", אוּן מִיט אִים אִיז אַ מִצְוָה צוּ רֶעדְן אוּן אִים מְקָרֵב זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. (אִמְרֵי מוֹהֲרָא"שׁ, חֵלֶק א', סִימָן ל"ט-מ')

# לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קפז)

**תרלו**

גְלַייךְ נָאךְ חֲנוּכָּה אִיז רֶבִּי נָתָן צוּרִיק גֶעפָארְן קֵיין נֶעמִירוֹב צוּ זַיין טַאטֶע, אוּן עֶר הָאט גֶעפְלַאנְט צוּ פָארְן פוּן דָארְט קֵיין מָאהְלוּב צוּ זַיין וַוייבּ. זַיין טַאטֶע הָאט אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען זֵייעֶר שֵׁיין אוּן הָאט אִים אוֹיךְ גֶעגֶעבְּן אַ טֵייעֶרֶע מַתָּנָה. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעוַוארְט דָארְט אִין נֶעמִירוֹב צוּ טְרֶעפְן אַ וָואגְן וָואס זָאל אִים נֶעמֶען קֵיין מָאהְלוּב.

דֶערְוַוייל אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין וֶועג פַאר רֶבִּי נָתָן צוּ גֵיין קֵיין מָאהְלוּב, הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען אַז עֶס אִיז אַ שָׁאד סְתָּם צוּ וַוארְטְן אוֹיף אַ וָואגְן אִין נֶעמִירוֹב, עֶר וֶועט עֶנְדֶערְשׁ צוּרִיק גֵיין קֵיין בְּרֶסְלֶב, אוּן אֶפְשָׁר וֶועט עֶר דָארְט טְרֶעפְן אַ וָואגְן קֵיין מָאהְלוּב, אוּן אִינְצְווִישְׁן וֶועט עֶר פַארְדִינֶען אַז עֶר וֶועט קֶענֶען נָאכְאַמָאל זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אַזוֹי הָאט עֶר טַאקֶע גֶעטוּן, עֶר הָאט זִיךְ צוּרִיק גֶעקֶערְט קֵיין בְּרֶסְלֶב.

**תרלז**

דִינְסְטָאג פַארְנַאכְטְס, י"ג טֵבֵת, אִיז רֶבִּי נָתָן אָנְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, עֶר אִיז גְלַייךְ אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעהַאט מְקַדֵּשׁ גֶעוֶוען דִי לְבָנָה יֶענֶעם חוֹדֶשׁ אוּן יֶענֶע נַאכְט אִיז גֶעוֶוען דִי לֶעצְטֶע נַאכְט וָואס מֶען הָאט נָאךְ גֶעקֶענְט מְקַדֵּשׁ זַיין דִי לְבָנָה, אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ טוּנְקֶעלֶע פַארְוָואלְקֶענְטֶע נַאכְט, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעזֶען קֵיין זֵכֶר פוּן דִי לְבָנָה.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס צַעַר פוּן דֶעם, עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוֹיבּ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין מְקַדֵּשׁ גֶעוֶוען דִי לְבָנָה, הָאט אִים יֶענֶער גֶעזָאגְט אַז יָא, דֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין מְקַדֵּשׁ גֶעוֶוען דִי לְבָנָה עֶטְלִיכֶע טֶעג פְרִיעֶר, אוּן דָאס הָאט אִים גֶעמַאכְט נָאךְ מֶער צַעַר, אַז דִי חוֹדֶשׁ וֶועט אִים אַרִיבֶּערְגֵיין אָן קִידוּשׁ לְבָנָה.

רֶבִּי נָתָן אִיז סְתָּם אַזוֹי גֶעוֶוען דֶעמָאלְט זֵייעֶר דֶערְבִּיטֶערְט אוּן צֶעבְּרָאכְן, אַזוֹי וִוי אַסַאךְ עֶרְלִיכֶע אִידְן שְׁפִּירְן גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען זֵיי הוֹיבְּן אָן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי שְׁפִּירְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן בֵּיי זִיךְ, אוּן דִי צַעַר פוּן דִי קִידוּשׁ לְבָנָה הָאט נָאר צוּגֶעגֶעבְּן צוּ זַיין בִּיטֶערְנִישׁ.

עֶר אִיז אַרַיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, זַיין פָּנִים אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פַארְזוֹיעֶרְט, עֶר אִיז גֶעוֶוען צֶעבְּרָאכְן פוּן נִישְׁט קֶענֶען מְקַדֵּשׁ זַיין דִי לְבָנָה אוּן אוֹיךְ פוּן אַלֶע שְׁוֶועריִקֵייטְן וָואס עֶר אִיז אַרִיבֶּער דֶעמָאלְט. וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזֶען הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט, "פַארְוָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי טְרוֹיעֶרִיג, אִין אַזַא מָרָה שְׁחוֹרָה?", רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעשְׁוִויגְן אוּן גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט, עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעשֶׁעמְט, אוּן אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז רֶבִּי נָתָן אִיז צֶעבְּרָאכְן וַוייל עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט מְקַדֵּשׁ גֶעוֶוען דִי לְבָנָה, אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין לְבָנָה אִינְדְרוֹיסְן, אוּן הַיינְט אִיז שׁוֹין דִי לֶעצְטֶע נַאכְט.

הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן, "בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם", הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט, "אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעבֶּעטְן", הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "בֶּעט נָאךְ", הָאט זִיךְ אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "רֶבִּי, עֶר ווִיל אַז דֶער רֶבִּי זָאל בֶּעטְן פַאר אִים".

בֶּאֱמֶת הָאט רֶבִּי נָתָן נִישְׁט גֶעקְלֶערְט פוּן בֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן אוֹיף דֶעם, כָאטְשׁ וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס צַעַר פוּן דֶעם, הָאט עֶר אָבֶּער גֶעהַאט פִיל ווִיכְטִיגֶערֶע זַאכְן וָואס צוּ בֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן עֶר זָאל מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר אִים, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעוַואגְט צוּ מַטְרִיחַ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן אוֹיךְ אוֹיף קִידוּשׁ לְבָנָה.

אַזוֹי זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען רֶבִּי נָתָן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פַארְ'ן רֶבִּי'ן, אוּן אִינְצְווִישְׁן אִיז אֵיינֶער אַרַיינְגֶעקוּמֶען פוּן אִינְדְרוֹיסְן אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אַז מֶען הוֹיבְּט שׁוֹין אָן אַבִּיסְל אַרוֹיסְצוּזֶען דִי לְבָנָה צְווִישְׁן דִי וָואלְקֶענֶעס, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן, "גֵיי שׁוֹין אַרוֹיס, אוּן אִיךְ גְלַייךְ וֶוען דוּ זֶעסְט דִי לְבָנָה, אֲפִילוּ נָאר אַבִּיסְל פוּן צְווִישְׁן וָואלְקֶענֶעס, זָאלְסְטוּ גְלַייךְ זָאגְן דִי בְּרָכָה פוּן קִידוּשׁ לְבָנָה, וַוארְט נִישְׁט קֵיין מִינוּט לֶענְגֶער".

רֶבִּי נָתָן אִיז גְלַייךְ אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, דִי לְבָנָה אִיז גֶעוֶוען בַּאדֶעקְט מִיט וָואלְקֶענֶעס, מֶען הָאט עֶס נָאר אַרוֹיסְגֶעזֶען אַבִּיסְל, עֶר הָאט נִישְׁט גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן קִידוּשׁ לְבָנָה אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, אוּן דֶערְוַוייל אִיז דִי לְבָנָה צוּרִיק פַארְדֶעקְט גֶעוָוארְן אִינְגַאנְצְן.

יֶעצְט הָאט עֶר זִיךְ שׁוֹין גֶעשֶׁעמְט צוּרִיק אַרַיינְצוּגֵיין צוּם רֶבִּי'ן, וַוייל עֶר הָאט דָאךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעהֵייסְן, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט שְׁטַארְקֶע יִסוּרִים פוּן דֶעם.

<<<<<<

שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# מַיין מַאמֶע רֶעדְט קֶעגְן מַיין מַאן?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הֶער אַסַאךְ פוּן מַיין מַאמֶע אַז זִי אִיז זֵייעֶר נִישְׁט צוּפְרִידְן פוּן מַיין מַאן, אוּן אַז אִיךְ וָואלְט גֶעקֶענְט טוּן אַסַאךְ אַ בֶּעסֶערֶע שִׁידוּךְ. בָּרוּךְ ה' אִין זְכוּת פוּן דִי שִׁיעוּרִים וָואס אִיךְ הֶער פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, הָאבּ אִיךְ אִיר קֵיינְמָאל גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט.

מַיין מַאמֶע אִיז נִישְׁט קֵיין שְׁלֶעכְטֶע, אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעפִילְט אַזוֹי פַאר דִי חֲתוּנָה. אִיךְ בִּין זִיכֶער וֶוען זִי וָואלְט גֶעוואוּסְט וִוי שְׁטַארְק עֶס שְׁטֶערְט מִיר וָואלְט זִי זִיךְ אֵיינְגֶעהַאלְטְן, אָבֶּער עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי, אִיךְ וֵויין אַסַאךְ וֶועגְן דֶעם.

בָּרוּךְ ה' אַז אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזָאגְט פַאר מַיין מַאן פוּן דֶעם, אִיךְ זָאג אִים אַלֶץ אַז מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אִים זֵייעֶר לִיבּ. מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ אִיךְ מֶעג עֶפֶּעס זָאגְן פַאר מַיין מַאמֶע; אוּן אוֹיבּ יָא, וָואס אוּן וִוי אַזוֹי?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ נָאכְאַמָאל פַאר אַלֶעס. בָּרוּךְ ה' אוּנְזֶער לֶעבְּן וֶוערְט נָאר בֶּעסֶער אוּן בֶּעסֶער.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פָּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, ט"ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיווּ. זֵייעֶר קְלוּג פוּן אַייךְ אַז אִיר דֶערְצֵיילְט נִישְׁט פַאר אֵייעֶר מַאן, פַארְקֶערְט, אִיר זָאגְט אִים וִוי שְׁטַארְק אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אִים לִיבּ; אַזוֹי וֶועט זַיין שָׁלוֹם וְשַׁלְוָה, אוּן אַז עֶס אִיז דָא שָׁלוֹם - אִיז דָא אַלֶע בְּרָכוֹת.

זַייט מְכַבֵּד אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, אוּן בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן זָאלְן טַאקֶע זֶען נַחַת בֵּיי עֶנְק אוּן נִישְׁט הָאבְּן קֵיין צַעַר - נִישְׁט פוּן אַייךְ אוּן נִישְׁט פוּן אֵייעֶר מַאן, אוּן וֶוען אֵייעֶר מַאמֶע זָאגְט אַייךְ אַז זִי אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן פוּן דִי שִׁידוּךְ, אוּן אַז אִיר וָואלְט גֶעקֶענְט טוּן פִיל אַ בֶּעסֶערֶע שִׁידוּךְ– זָאלְט אִיר עֶנְטְפֶערְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, זָאגְט אִיר: "מַאמִי אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן מַיין מַאן", דֶערְצֵיילְט אִיר וִוי שֵׁיין אֵייעֶר מַאן פִירְט זִיךְ צוּ אַייךְ, אוּן אַז אַלֶע שִׁידוּכִים זֶענֶען פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז זִי לָאזְט נִישְׁט אָפּ, זִי רֶעדְט וַוייטֶער קֶעגְן - זָאלְט אִיר מִיט חָכְמָה פַארְדְרֵייעֶן דִי שְׁמוּעֶס אוּן רֶעדְן פוּן אַנְדֶערֶע זַאכְן.

דֶערְצֵיילְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֵייעֶר וֵוייטָאג, נֶעמְט דִי תְּהִילִים אוּן פְלֶעכְטְס אַרַיין אִין דִי פְּסוּקִים אַייעֶרֶע וֵוייטָאג, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע לֶעבְּן, פַאר עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, אוּן פַאר הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה אִין שְׁטוּבּ.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּשֶׁב תשפ"ה)

<<<<<< לעבנס געשיכטע פון רבי'ן

עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין אִינְדְרוֹיסְן, עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיינֶע אוֹיגְן צוּם הִימְל אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל קֶענֶען מְחַדֵשׁ זַיין דִי לְבָנָה, אוּן דֶעמָאלְט אִיז דִי לְבָנָה גֶעוֶען גֶעוָוארְן אַבִּיסְל מֶער פוּן צְוִוישְׁן דִי וָואלְקֶענֶעס, אוּן עֶר הָאט גְלַייךְ גֶעמַאכְט קִידוּשׁ לְבָנָה.

רֶבִּי נָתָן אִיז צוּרִיק אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּי'ן מִיט אַ פְרֵיילִיךְ פָּנִים, אוּן גְלַייךְ וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזֶען מִיט זַיין גְרוֹיסֶע שְׁמֵייכְל, עֶר הָאט גֶעזֶען אַז רֶבִּי נָתָן אִיז שׁוֹין פְרֵיילִיךְ, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ דִי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, "זֶעט אִיר? יֶעצְט אִיז עֶר שׁוֹין אַן אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן!", דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן דֶעם, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ רֶבִּי נָתָן אוּן צוּם גַאנְצְן עוֹלָם וָואס זֶענֶען דָארְט גֶעוֶוען, "אוֹיבּ וָואלְט אִיר גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ, וָואלְט דָאס גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה פַאר דִי וֶועלְט".

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי אַרַיין אִין אַ שְׁטִיקְל שְׁמוּעֶס וֶועגְן קִידוּשׁ לְבָנָה, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף מַאכְן קִידוּשׁ לְבָנָה וִוי פְרִיעֶר, אֲפִילוּ נָאךְ אֵיידֶער זִיבְּן טֶעג פוּן דִי מוֹלָד. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען זָאל נָאכְקוּקְן דִי הֲלָכָה אִין דִי פּוֹסְקִים, אוּן מֶען הָאט טַאקֶע גֶעבְּרֶענְגְט אַ שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוּן דָאס נָאכְגֶעקוּקְט, אוּן מֶען הָאט גֶעזֶען אַז רוֹב פּוֹסְקִים הַאלְטְן אַז מֶען קֶען מַאכְן קִידוּשׁ לְבָנָה נָאךְ פַאר דִי זִיבְּן טָאג, אַזוֹי וִוי דִי הֲלָכָה אִיז מִדִינָא דִגְמָרָא, אוּן וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִים סִימָן תכ"ו, סָעִיף ד') אִין "טוּרֵי זָהָב" (סָעִיף קָטָן ג') אוּן אִין "מָגֵן אַבְרָהָם" (סָעִיף קָטָן י"ג), אוּן זֶע אוֹיךְ דָארְט אִין "מִשְׁבְּצוֹת זָהָב".

אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז גְלַייךְ וֶוען מֶען זֶעט דִי לְבָנָה זָאל מֶען מַאכְן קִידוּשׁ לְבָנָה, אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט וָואלְקֶענֶעס. אוֹיבּ מֶען זֶעט נָאר אַרוֹיס אַבִּיסְל דִי לְבָנָה פוּן אוּנְטֶער דִי וָואלְקֶענֶעס אִיז אַ מִצְוָה עֶס גְלַייךְ מְקַדֵשׁ צוּ זַיין, אוּן נִישְׁט מַחְמִיר זַיין מִיט אִיבְּרִיגֶע חוּמְרוֹת.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה – גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# "סדר דרך הלימוד" ווערט אויפגעכאפט אין ישיבות

שטייענדיג אין די הייליגע חנוכה טעג, שוין צוויי חדשים אריין אינעם זמן, ווערט דער "סדר דרך הלימוד" גאר שטארק אויפגעכאפט צווישן בחורים אין ישיבות.

מען הויבט דעם זמן מיט'ן רעכטן פוס, מען גרייט זיך צו לערנען פלייסיג און מצליח זיין און גוט קענען דעם זמן, און ברוך ה' מען איז טאקע מצליח אויף א גרויסן פארנעם, אבער ווי מער מען גייט אריין אינעם זמן שטעלט זיך ארויס אז אזויפיל צייט גייט לאיבוד, מען בלייבט מיט אזויפיל איבריגע צייט וואס גייט אוועק מיט נארישקייטן אדער נאך ערגער חס ושלום, מיט לשון הרע און אנדערע שלעכטע זאכן, און עס איז ממש א שאד פאר די טייערע ליכטיגע יארן, די ימי הבחרות, אז זיי זאלן אזוי אוועקפליען מיט די ווינט. דאס איז אויסער די צייטן ווען עס איז נישטא קיין ישיבה, די שבתים און מוצאי שבתים, און אזוי ווייטער פילע צייטן וואס ווערן נישט אויסגענוצט צו די מאקסימום, און ברענגט נאר צו פראבלעמען.

דעריבער איז פריידיג צו הערן די נייעס אז דער "סדר דרך הלימוד" האט אנגעהויבן ווערן גאר שטארק אויפגעכאפט צווישן בחורים, דער וועג וואס דער הייליגער רבי האט אוועקגעשטעלט ווי אזוי יעדער איד קען זוכה זיין צו לערנען תורה אין יעדע מצב און אין יעדע צייט, מען דארף נישט האבן א גוטע קאפ פאר דעם, מען דארף נישט האבן קיין חברותא, מען דארף בלויז האבן א מויל מיט ציינער און מען הויבט זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה, אפילו אן פארשטיין און אפילו מען געדענקט נישט וואס מען האט געלערנט. מען נעמט א משניות און מען הויבט אן פון אנהויב מסכת ברכות, מען גייט אין די רייע משנה נאך משנה, פרק נאך פרק, און מסכתא נאך מסכתא, און די זעלבע טוט מען מיט די הייליגע גמרא, און אזוי ווייטער מאכט מען זיך שיעורים אין אלע חלקי התורה.

פילע בחורים זאגן עדות אז דאס האט ממש אויפגעפרישט זייער לעבן, אויסער די מצוות און די סגולות וואס מען באקומט פון די פילע ווערטער פון די הייליגע תורה וואס מען זאגט, געבט דאס אויך א געוואלדיגע סיפוק און חשק אין לעבן, און דאס געבט אויך צו חשק צו מיטלערנען אויך די לימודים וואס מען לערנט אין ישיבה פארמיטאג און נאכמיטאג. און די בחורים מיט בעסערע קעפלעך כאפן אויך אויף גאר אסאך ידיעות התורה מיט דעם וועג פון זאגן און דורכגיין מסכתא נאך מסכתא, בלויז מיט'ן זאגן די ווערטער און זיך נישט אפשטעלן צו פארשטיין.

מוהרא"ש האט געשריבן א געוואלדיגע ספר מיט'ן נאמען "סדר הישיבה", דער ספר געבט גוטע עצות און הדרכות פאר בחורים אין ישיבה, ווי אזוי מיטצוהאלטן די סדרים, ווי אזוי אויסצונוצן די בחורישע יארן ווי עס דארף צו זיין, און ווי אזוי זיך איינצוקויפן תורה און יראת שמים און באקומען א גוטע נאמען. דער קונטרס האט שוין געהאלפן פילע טויזנטער בחורים, און עס איז כדאי פאר יעדן בחור דאס דורכצולערנען, עס איז דא צו באקומען אין לשון הקודש און אין אידיש.

איבער דעם ענין פונעם סדר דרך הלימוד שרייבט מוהרא"ש בתוך הדברים דארט אינעם קונטרס ווען ער שרייבט איבער דעם נאכט-סדר אין די ישיבות וואס די בחורים קענען דעמאלט לערנען סיי וואס זיי ווילן, שרייבט דארט מוהרא"ש, "ווי אזוי עס זאל נאר זיין איז אבער זיכער אז דער עיקר וואס די מגידי שיעור ווילן אין דעם סדר איז אז די בחורים זאלן זיצן און לערנען. עס זענען לײדער דא אסאך בחורים וואס פארשווענדן די טייערע צייט פון דעם סדר, זיי דרייען זיך אריין און ארויס און לערנען גארנישט. און א בחור וואס זיצט און לערנט ביי נאכט סדר, וועט אים קיינער נישט שטערן, אפילו ווען ער לערנט נישט די שיעורי הישיבה נאר זיינע אייגענע שיעורים. אדרבה, דער ראש ישיבה, אדער דער מגיד שיעור, וועט זיך פרייען צו זען ווי דער בחור לערנט פלייסיג און האט א חשק און רצון זיך משלים צו זיין אויך אין אנדערע חלקים פון די הייליגע תורה.

דעריבער דארף א קלוגער בחור זען אויסצונוצן די טייערע צייט פונעם נאכט סדר, ווייל אויב נוצט מען אויס די נאכט שעות אויף צו לערנען, איז דעמאלט די עיקר צייט וואס מען קען אמת'דיג קונה זיין אסאך תורה, אזוי שטייט אין שלחן ערוך (יורה דעה, סימן רמ"ו, סעיף כ"ג) אז ווער עס וויל זוכה זיין צו די תורה-קרוין, דאס מיינט אז ער זאל קענען אמת'דיג די הייליגע תורה, זאל זייער אכטונג געבן אויף די נעכט, אז עס זאל נישט דורכגיין א נאכט אן לערנען תורה, ווייל דער עיקר תורה קען זיך א איד איינקויפן ביינאכט. א בחור מאכט זיך א סדר צו לערנען ש"ס, ער הויבט אן פון מסכת ברכות, ער לערנט אן עמוד נאך אן עמוד, א בלאט נאך א בלאט, ביז ער איז זוכה צו ענדיגן גאנץ מסכת ברכות, און דאן גייט ער ווייטער צו מסכת שבת און ער שטעלט זיך נישט אפ ביז ער איז זוכה צו ענדיגן גאנץ ש"ס, און ער הויבט אן נאכאמאל. ביי דעם סדר איז בעסער אויב מען לערנט פאר זיך אליין אן קיין חבר. ווייל דער לימוד דארף זיין גרינג און שנעל דורכצוגיין די גמרא, און דאס איז גרינגער צו טון אליין, אזוי איז מען נישט צוגעבינדען צו קיינעם, מען האט נישט קיין שטערונגען פון קיינעם, און מען קען דאן מער מצליח זיין אליין אן א חבר. מטעם די ישיבה וועט מען אויך נישט ברוגז זיין אויף דעם, ווייל ווי לאנג דער בחור לערנט און בטל'ט נישט די צייט אזוי ווי די אנדערע, איז שוין גוט. נישט קיין חילוק צי ער לערנט אליין צי מיט א חבר."

ראשי ישיבות און מגידי שיעור האבן זייער הנאה פון דעם אויפוואכונג ביי בחורים צום "סדר דרך הלימוד", דאס ברענגט אריין אין די בחורים א גלוסט צו די הייליגע תורה, און עס ברענגט אויך שטארק ארויף די יראת שמים און מידות טובות ביי די בחורים, די הייליגע תורה איז שטארק משפיע אויף די בחורים צום גוטן.


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **שמעון נײשטיין** הי"ו קרית ברסלב
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **משה גראס** הי"ו מאנסי
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **ישראל חיים ברוין** הי"ו קרית ברסלב
צו די שמחת בר מצוה פון זיין זון הבחור **דוד** הי"ו

## מעשיות פון תפלה

אינטערעסאנטע פערזענליכע מעשיות פון מענטשן וואס זענען געהאלפן געווארן דורך בעטן דעם אייבערשטן ווי מען בעט א חבר

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 4, 1**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעצעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**